# דער ערשטער בריוו פון דעם שליח פעטרוס

1 פעטרוס, א שליח פון יהושע/ישוע המשיחן, צו די
אויסדערוויילטע תושבים אין די תפוצות פון פאנטוס,
גאלאטיען, קאפאדאציען, אזיען )קליין( און ביטיניען,
2 לויט דעם פארויסוויסן )רוימער ח, כט.( פון
ג-ט דעם פאטער, אין הייליקונג פון דעם גייסט, צו
געהארכזאמקייט און באשפריצונג מיט דעם בלוט פון
יהושע/ישוע המשיחן: חסד צו אייך און שלום זאל זיך
פיל פארמערן.
3 געלויבט זאל זיין דער ג-ט און פאטער פון אונדזער
האר יהושע/ישוע המשיח, וועלכער האט לויט זיינע
גרויסע רחמים אונדז ווידערגעבוירן צו א לעבעדיקער
האפענונג דורך יהושע/ישוע המשיחס איפשטיין פון די
טויטע,
4 צו אן אומפארדארבלעכער און אומבאפלעקטער
ירושה, און וואס פארוועלקט נישט, וועלכע איז
באהאלטן אין הימל פאר אייערטוועגן,
5 וואס איר ווערט אפגעהיטן אין ה׳ס מאכט דורך
דעם בטחון צו א ישועה גרייט אנטפלעקט צו ווערן אין
דער צייט פון קץ.
6 מיט דעם זאלט איר זיך פרייען, איר, וואס זענט
איצט אויף א קליינער ווילע טרויעריק, ווען עס מוז

זיין, אין פארשיידענערליי נסיונות,
7 כדי די אויספרובירונג פון אייער אמונה זאל
געפונען ווערן פיל מער ווערט ווי גאלד, וואס פארגייט,
הגם עס ווערט אויסגעפרובירט דורך פייער, פאר א
לויב און הערלעכקייט און כבוד ביי דער אנטפלעקונג
פון יהושע/ישוע המשיחן;
8 ווענמען איר האט נישט געזען און האט דאך
ליב; און איצט, נישט זעענדיק אים, נאר גלויבנדיק
אין אים, פריידט איר זיך מיט א שמחה, וואס איז
אומאויסשפרעכלעך און הערלעך;
9 באקומענדיק דעם ציל פון אייער אמונה, די ישועה
פאר אייערע נשמות.
10 וואס שייך וועלכער ישועה עס האבן חוקר ודורש
געווען די נביאים, וואס האבן נבואות געזאגט וועגן דעם
חסד )באשטימט( פאר אייערטוועגן;
11 חוקר זייענדיק אויף וועלכער אדער וואס פאר א
צייט משיחס גייסט אין זיי האט אנגעוויזן, בשעת ער
האט פארויס עדות געזאגט פון די ליידן )וואס האבן
געזאלט קומען( אויף משיחן און די הערלעכקייטן נאך
דעם.
12 צו זיי איז עס אנטפלעקט געווארן, אז נישט פאר
זיך אליין, נאר פאר אייערטוועגן האבן זיי געדינט די
דאזיקע זאכן, וואס זענען אייך איצט אנגעזאגט געווארן
דורך די, וועלכע האבן אייך געברענגט די בשורה
טובה דורך דעם רוח הקודש, וואס איז געשיקט געווארן
פון הימל; זאכן, אין וועלכע מלאכים גארן ארייננצוקוקן.
13 דעריבער, אונטערגארטלענדיק די לענדן פון

אייער פארשטאנד, זאלט איר זיין ניכטער, מיט
אייער גאנצע האפענונג אויף דעם חסד, וואס ווערט
אייך געברענגט אין דער אנטפלעקונג פון יהושע/ישוע
המשיחן;
14 ווי געהארכזאמע קינדער זאלט איר נישט
געשטאלטן אייער לעבן לויט די תאוות, אין וועלכע
איר זענט געווען אמאל אין אייער אומוויסן;
15 נאר ווי דער, וועלכער האט אייך גערופן, איז
הייליק, אזוי זאלט איר אליין אויך ווערן הייליק אין
אלע אייערע דרכים;
16 דערפאר שטייט געשריבן: הייליק זאלט איר זיין,
ווייל איך בין הייליק. )ויקרא יא, מד.(
17 און אויב איר רופט אָן אלס פאטער )ציטירן
ניטציטירן( דעם, וואס משפט לויט יעדן )מענטשנס(
מעשים אָן נושא־פנים־צו־זיין, זאלט איר פארברענגען
מיט יראה בשעת אייער אויפהאלטן זיך )דא(;
18 וויסנדיק, אז נישט מיט פארדארבלעכע זאכן, מיט
זילבער אדער גאלד, זענט איר אויסגעלייזט געווארן
פון אייער נישטיקן שטייגער לעבן, וואס איז אייך
איבערגעגעבן געווארן פון אייערע עלטערן;
19 נאר מיט דעם טייערן בלוט פון דעם משיח, ווי פון
א לעמעלע אָן א מום און אָן א פלעק; )שמות יב, ה.(
20 וואס איז פארויסבאשטימט געווארן פאר דער
גרינדונג פון דער וועלט, אבער אנטפלעקט געווארן
ביים סוף פון די צייטן פאר אייערטוועגן,

21 וואס גלויבן דורך אים אין ה׳, וועלכער האט אים אויפגעוועקט פון די טויטע און אים געגעבן כבוד; כדי אייער אמונה און בטחון זאל זיין אויף ה׳.
22 און האבנדיק געלייטערט אייערע נפשות אין דער געהארכזאמקייט פון דעם אמת צו אן אויפריכטיקער ברידערלעכער ליבע, זאלט איר ערנסט ליב האבן איינער דעם אנדערן פונם הארצן ארויס;
23 ווי ווידערגעבוירענע, נישט פון א פארדארבלעכן זאמען, נאר פון אן אומפארדארבלעכן, דורך ה׳ס לעבעדיק און בלייבנדיקווארט.
24 ווייל:
יעדעס פלייש איז ווי גראז,
און יעדע פראכט דערפון איז ווי א בלום פונם גראז.
פארטריקנט ווערט דאס גראז,
און די בלום פאלט אראפ;
25 דעם האר )ג-טס( ווארט אבער בלייבט אויף אייביק.
)ישעיהו מ, ח.(
און דאס דאזיקע איז דאס ווארט, וואס איז אייך אנגעזאגט געווארן ווי בשורה טובה.

# קאפיטל צוויי

1 דעריבער, טוט אפ פון זיך יעדע רשעות און יעדע פאלשקייט און צביעות און קנאה און יעדע לשון הרע,
2 ווי נאר וואס געבוירענע עופהלעך, זאלט איר באגערן די גייסטיקע, נישט געפעלשטע מילך, כדי איר זאלט אויפוואקסן דורך דער זעלביקער צו ישועה,

3 אויב איר האט טועם געווען, אז דער האר איז גוט;
4 צו וועמען איר קומט, צו דעם לעבעדיקן שטיין,
וואס פון מענטשן טאקע איז ער פארשטויסן, ביי ה׳
אבער אויסדערוויילט, קאסטבאר,
5 און איר אליין, ווי לעבעדיקע שטיינער, בויט אייך
אויף צו א רוחניותדיק הויז, פאר א הייליקער כהונה,
מקריב צו זיין רוחניותדיקע קרבנות, וואס זענען וואויל
אנגענומען ביי ה׳ דורך יהושע/ישוע המשיחן.
6 דערפאר שטייט אין פסוק:

זע, איך לייג אין ציון א פונדאמענט שטיין,
אן אויסדערוויילטן, א קאסטבארן,
און ווער עס גלויבט אין אים וועט נישט ווערן צו שאנדן.
(ישעיהו כח, טז.)
7 פאר אייך דעריבער, וואס גלויבן, איז ער טייער; פאר
די אומגלויביקע אבער:

דער שטיין, וועלכן די בוימייסטער האבן פארווארפן,
דער דאזיקער איז געווארן צום הויפט פונם ווינקל;
(תהלים קיח, כב.)
8 און:

און אן אבן נגף און צור מיכשול.
(ישעיהו ח, יד.)
זיי שטרויכלען, ווייל זיי גלויבן נישט אין דעם ווארט,
צו וועלכן זיי זענען אויך באשטימט געווארן.
9 איר אבער זענט אן אויסדערוויילט פאלק, א מלכות
פון כהנים, א הייליקע אומה, אן עם סגולה, כדי איר

זאלט אויסדערציילן די מידות פון אים, וועלכער האט אייך גערופן פונם חושך ארויס אין זיין וואונדערלעך ליכט אריין; )שמות יט, ה-ו.(

10 )אייך,( וואס איר זענט אמאל נישט געווען קיין פאלק, איצט אבער זענט איר ה׳ס פאלק; וואס אמאל האט איר נישט באקומען קיין רחמים, איצט אבער האט איר יא באקומען רחמים. )הושע ב, כה.(

11 געליבטע, איך בעט אייך ווי גרים און תושבים, האלט זיך צוריק פון די פליישלעכע תאוות, וועלכע האלטן מלחמה קעגן דער נשמה;

12 פירט א גוטן לעבן צווישן די אומות )העולם,( כדי אין דעם, אין וועלכן זיי רעדן אפ פון אייך ווי פון רשעים, דאך, זעענדיק אייערע מעשים טובים, זאלן זיי אפגעבן כבוד צו ה׳ אינם טאג פון רעכנשאפט.

13 אונטערטעניקט זיך צו יעדער מענטשלעכער ארדנונג צוליב דעם האר; סאי צום מלך, ווי צו אן אויבערהאר;

14 סאי צו גובערנאטארן, ווי צו שליחים פון אים צו באשטראפן פארברעכער און צום לויב פון די, וועלכע טאן גוטס.

15 ווייל אזוי איז עס ה׳ס רצון, אז מיט אייער טאן גוטס זאלט איר ברענגען צום שווייגן דאס אומוויסן פון נארישע מענטשן;

16 אלס פרייע )מענטשן( און דאך נישט ווי איר וואלט געהאט די פרייהייט ווי א צודעק פאר שלעכטס, נאר ווי ה׳ס קנעכט.

17 גיט אלעמען אפּ כבוד. האט ליב די ברודערשאפט. האט מורא פאר ה׳. גיט אפּ כבוד דעם קעניג.

18 איר קנעכט, זייט אונטערטעניק צו אייערע הארן מיט יעדער פארכטיקייט; נישט בלויז צו די גוטע און באשיידענע אליין, נאר אויך צו די שלעכטע.

19 ווארום דאס דאזיקע איז א חסד, ווען צוליב דעם געוויסן פאר ה׳, מען דערטראגט צער, ליידנדיק אומיושרדיק.

20 ווארום וואס פאר א כבוד איז עס, אויב איר פארזינדיקט זיך און מען גיט אייך שלעק, און איר זענט געדולדיק? נאר אויב טוענדיק גוטס ליידט איר און זענט געדולדיק, )אָט( דאס איז א חסד ביי ה׳.

21 ווארום דערצו זענט איר בארופן געווארן; ווייל אויך משיח האט געליטן פאר אייערטוועגן, און איבערגעלאזט א ביישפּיל פאר אייך, כדי איר זאלט נאכפאלגן זיינע פוסטריט;

22 וועלכער האט קיין חטא נישט געטאן, נישט איז געפונען געווארן א פאלשקייט אין זיין מויל;

23 וועלכער, ווערנדיק געזידלט, האט נישט צוריקגעזידלט; ליידנדיק, האט נישט געסטראשעט, נאר זיך איבערגעגעבן צום שופט צדק;

24 וועלכער האט אליין ארויפגעטראגן אונדזערע זינד אין דעם קערפּער זיינעם אויף דעם בוים, כדי מיר, אפּשטארבנדיק וואס שייך די זינד, זאלן לעבן

צו צדקות; דורך וועמעס וואונדן איר זענט געהיילט געווארן.
25 ווארום איר זענט געווען ווי פארבלאנדזשעטע
שאף, נאר איצט האט איר זיך אומגעקערט צום פאסטוך
און משגיח פון אייערע נשמות. (ישעיהו נג, ה-ט.)

# קאפיטל דריי

1 אויך אזוי, איר פרויען, זייט אונטערטעניק צו
אייערע אייגענע מענער; כדי אפילו אויב אייניקע זענען
אומגעהארכזאם צום ווארט, זאלן זיי געוואונען ווערן אָן
א ווארט דורך דעם אויפפירונג פון זייערע ווייבער,
2 צוקוקנדיק זיך אויף אייער לויטערן אויפפירונג מיט
יראה.
3 זאל אייער צירונג זיין נישט דאס אויסערלעכע
באשיינונג, מיט פלעכטן די האר און מיט אנטאן זיך
גאלדענע זאכן, אדער מיט אנקליידן זיך (טייערע)
מלבושים;
4 נאר דער פארבארגענער מענטש פון דעם הארצן,
מיט דער אומפארדארבלעכער (צירונג) פון אן
עניוותדיקן און שטילן גייסט, וואס איז זייער טייער פאר
ה׳.
5 ווארום אזוי האבן זיך אויך אמאל געצירט די
הייליקע פרויען, וועלכע האבן געהאפט אויף ה׳, און
זענען געווען אונטערטעניק צו זייערע אייגענע מענער;
6 ווי שרה האט געהארכט אברהמען, און אים גערופן
האר; וועמעס טעכטער איר זענט געווארן, ווען איר טוט
גוטס און שרעקט זיך נישט אפ פון קיין שום פחד.

7 איך אזוי, איר מענער, וואוינט מיט זיי מיט פארשטאנד, און גיט אפ כבוד צו דער פרוי ווי צו דער שוואכערער כלי אזוויי זיי זענען אויך מיטיורשים אין דעם חסד פון לעבן, כדי אייערע תפילות זאלן נישט געשטערט ווערן.

8 און צום סוף, האט אלע איין מחשבה, האט מיטלייד, זייט ברידערלעך, בארמהערציק, האלט זיך נידעריק;

9 צאלט נישט אפ מיט שלעכטס פאר שלעכטס, אדער זידלווארט פאר זידלווארט, נאר להיפך: בענטשט; ווייל דערצו זענט איר בארופן געווארן, כדי איר זאלט ירשענען א ברכה.

10 ווארום:

ווער עס וויל ליב האבן דאס לעבן

און זען גוטע טעג,

זאל ער אפהאלטן זיין צונג פון בייז,

און זיינע לעפצן פון רעדן פאלשקייט;

11 זאל ער זיך אפנייגן פון שלעכטס און טאן גוטס,

זאל ער זוכן שלום און נאכיאגן אים.

12 ווייל די אויגן פון דעם האר (ג-ט) זענען אויף די צדיקים

און זיינע אויערן צו זייער געבעט;

דאס פנים אבער פון דעם האר איז קעגן די,

וואס טאן בייז.

(תהלים לד, יג-יז.)

13 און ווער וועט אייך טאן שלעכטס, ווען איר וועט אייפערן פאר דעם גוטן?

14 נאר אויב אפילו איר זאלט ליידן צוליב גערעכטיקייט, איז וואויל אייך; און פאר זייער מורא זאלט איר זיך נישט פארכטן, נישט זאלט איר זיך דערשרעקן;
15 דעם האר אבער דעם משיח זאלט איר הייליקן אין אייערע הערצער; זייט תמיד גרייט אויף אַן ענטפער צו יעדן איינעם, וועלכער פרעגט אייך וועגן דער סיבה פון דער האפענונג אין אייך, נאר מיט עניוותדיקייט און מיט יראה;
16 האט א גוט געוויסן, כדי אין וואס מען רעדט אפּ פון אייך, זאלן צושאנד ווערן די, וואס באליידיקן אייער גוטן פירונג פון לעבן אינם משיח.
17 ווארום עס איז בעסער, אויב דאס איז ה׳ס רצון, צו ליידן פאר טאן גוטס, ווי פאר טאן שלעכטס.
18 ווייל אפילו משיח איז איינמאל געשטארבן פאר אונדזערע זינד, דער צדיק פאר די רשעים, כדי ער זאל אונדז ברענגען צו ה׳; און איז געטייט געווארן לויט דעם פלייש, אבער לעבעדיק געמאכט געווארן אין דעם גייסט;
19 אין וועלכן ער איז אויך געגאנגען און אויסגערופן צו די רוחות אין געפענקעניש,
20 וואס זענען אמאל געווען ווידערשפעניק, ווען ה׳ס סבלנות האט געווארט אין די טעג פון נוחן, בעת עס איז צוגעגרייט געווארן די תיבה, אין וועלכער ווייניקע, דאס הייסט אכט נפשות, זענען געראטעוועט געווארן דורך דעם וואסער;
21 דאס איז אויך א קעגנבילד פון דער מקווה, וואס

דערלייזט אייך איצט, נישט דאס אפטאן אומריינקייט פונם לייב, נאר דער פארלאנג אויף א גוט געוויסן לגבי ה׳, דורך דעם אויפשטיין (פון די טויטע) פון יהושע/ישוע המשיחן;

22 וועלכער איז אויף ה׳ס רעכטער האנט, נאך דעם ווי ער איז ארויף אין הימל אריין; צו אים זענען אונטערטעניק מלאכים און ממשלות און מאכטן.

# קאפיטל פיר

1 דעריבער, ווי משיח האט געליטן אינם לייב, אזוי זאלט איר זיך אויך באוואפענען מיט דער זעלביקער מחשבה; ווייל דער, וואס האט געליטן אינם לייב, האט אויפגעהערט מיט זינד;

2 כדי נישט מער צו לעבן לויט די תאוות פון מענטשן, נאר לויט ה׳ס רצון די נאך איבערגעבליבענע צייט אינם גוף.

3 ווארום עס איז גענוג, אז אין דער פארגאנגענער צייט האבן מיר געהאנדלט לויטן ווילן פון די אומות העולם, (לעבנדיק אין תאוות, זויפן ווייַן, הוליאנקעס, שכרות און אין פארברעכערישע עבודה זרות;

4 אין וועלכע זיי וואונדערן זיך, וואס איר לויפט מער נישט צוזאמען מיט זיי אין דער זעלביקער אויסגעלאסענער פרעסעריי, און זיי לעסטערן;

5 זיי וועלן אפגעבן א חשבון צו אים, וועלכער איז גרייט צו משפטן די לעבעדיקע און די טויטע.

6 ווארום דערפאר איז די בשורה טובה אנגעזאגט
געווארן אויך צו די מתים, כדי זיי זאלן געמשפט ווערן
אינם לייב ווי מענטשן, זאלן אבער לעבן אינם גייסט
לויט ה׳.
7 אבער דער קץ פון אלעם האט זיך דערנענטערט;
זייט דעריבער שכלדיק און ניכטערן צו תפילות;
8 קודם כל זאלט איר האבן א שטארקע ליבשאפט
איינער פאר דעם אנדערן; ווייל ליבע פארדעקט א
מאסע זינד; (משלי י, יב.)
9 זייט גאסטפריינדלעך איינער צום אנדערן אָן
געמורמל;
10 דינט איינער דעם אנדערן, לויט דער מתנה, וואס
יעדערער האט באקומען, ווי גוטע פארוואלטער פון
ה׳ס פארשיידנארטיקן חסד;
11 אויב עמיצער רעדט, (זאל ער רעדן) ווי ה׳ס
רייד; אויב איינער באדינט, (זאל ער עס טאן) ווי אויס
דער קראפט, וועלכע ה׳ גיט; כדי אין אלעם זאל
ה׳ פארהערלעכט ווערן דורך יהושע/ישוע המשיחן,
וועמען עס געהערט כבוד און מאכט לעלמי עולמים.
אמן.

12 געליבטע, וואונדערט זיך נישט איבער דעם
קאלכאויוון, וואס איז געקומען, ווי א נסיון אויף אייך,
גלייך ווי א פרעמדע זאך וואלט אייך געטראפן;
13 נאר לויט ווי איר זענט אנטיילנעמער אין דיליידן
פון דעם משיח, זאלט איר זיך פרייען; כדי אין דער

אַנטפּלעקונג פון זיין כבוד זאָלט איר זיך פרייען און משמח זיין.

14 אויב איר ווערט געזידלט צוליב דעם נאָמען פונם משיח, איז וואויל אייך; ווייל דער (גייסט) פון כבוד און דער גייסט פון ה׳ רוט אויף אייך.

15 נאָר זאָל קיינער פון אייך נישט ליידן ווי אַ רוצח, אָדער גנב, אָדער רשע, אָדער ווי איינער, וואָס מישט זיך אַריין אין יענעמס געשעפטן;

16 אויב אָבער (עמיצער ליידט) אַלס אַ משיחיסט, זאָל ער זיך נישט שעמען; נאָר אָפּגעבן כבוד צו ה׳ אין דעם דאָזיקן נאָמען.

17 ווייל עס איז שוין צייט, אַז דאָס משפּט זאָל זיך אָנהייבן פון ה׳ס הויז; און אויב פון אונדז קודם כּל, וואָס וועט שוין זיין דער סוף פון די ווידערשפּעניקע צו ה׳ס בשורה טובה?

18 און אויב דער צדיק ווערט קוים געראַטעוועט, וואו וועט דער רשע און חוטא אַהינקומען?

19 דערפאַר זאָלן אויך די, וועלכע ליידן לויט ה׳ס ווילן, פאַרטרויען זייערע נשמות צום געטרייען באַשעפער, טוענדיק גוטס.

# קאַפּיטל פינף

1 די זקנים דערִיבער צווישן אייך בין איך מזהיר, וואָס איך בין אויך אַ זקן און אַן עדות פון דעם משיחס ליידן, ווי אויך אַן אַנטיילנעמער אין דעם כבוד, וואָס דאַרף אַנטפּלעקט ווערן:

2 פאשעט ה׳ס סטאדע, וואס איז ביי אייך, געבנדיק השגחה, נישט געצוואונגענערהייט, נאר אויס גוטן ווילן, לויט (דעם רצון פון ה׳; און נישט צוליב שענדלעכע פארדינסטן, נאר מיט מונטערקייט;

3 און אויך נישט ווי איר וואלט געהערשט איבער די ירושות, נאר ווערט פארבילדער פאר דער סטאדע.

4 און ווען דער הויפט פאסטוך וועט דערשיינען, וועט איר באקומען די קרוין פון כבוד, וואס פארוועלקט נישט.

5 פונקט אזוי, איר יונגערע, אונטערטעניקט זיך צו די זקנים, און אלע זאלט איר זיך אנקליידן מיט עניוותדיקייט איינער לגבי דעם אנדערן; ווייל ה׳ שטעלט זיך אנטקעגן די שטאלצע, די נידריקע אבער גיט ער חן. (משלי ג, לד.)

6 דערנידעריקט זיך דעריבער אונטער ה׳ס מעכטיקער האנט, כדי ער זאל אייך דערהייבן אין דער געהעריקער צייט!

7 ווארפט אלע אייערע דאגות אויף אים, ווייל ער זארגט פאר אייערטוועגן.

8 זייט ניכטער, זייט וואכזאם; אייער שונא, דער שׂטן, גייט ארום ווי א ברומענדיקער לייב, זוכנדיק וועמען איינצושלינגען;

9 שטעלט זיך אים אנטקייגן, פעסט אין דער אמונה, און זייט וויסן, אז די זעלביקע עינויים ווערן דערפילט אין אייערע ברידער אין דער וועלט.

10 און דער ג-ט פון יעדן חסד, וועלכער האט אייך

גערופן צו זיין אייביקן כבוד אינם משיח, נאך דעם ווי איר האט געליטן אביסל, ער אליין וועט אייך מאכן שלמותדיק, שטארקן, קרעפטיקן, גרונטפעסטיקן.

11 צו אים זאל זיין די הערשאפט לעלמי עולמים. אמן.

12 דורך סילוואנוסן, דעם געטרייען ברודער, אזוי רעכן איך, האב איך אייך קורץ געשריבן, אייך מזהיר צו זיין און עדות צו זאגן, אז דאס איז דער ווארהאפטיקער חסד פון ה׳, אין וועלכן איר שטייט.

13 עס גיט אייך אפ שלום די מיטאויסדערוויילטע קהלה אין בבל און מארקוס דער זון מיינער.

14 גיט אפ שלום איינער דעם אנדערן מיט א קוש פון ליבע. שלום צו אייך אלעמען, וועלכע זענען אינם משיח.

# חדשה ברית יידישער ארטאדאקסישע דער

# The New Testament in the Eastern Yiddish lanugage of Israel: Orthodox Yiddish Brit Chadasha New Testament

copyright © 2022 Artists for Israel International

Language: מזרחית יידיש (Yiddish, Eastern)

Contributor: Artists for Israel International

**Orthodox Yiddish Brit Chadasha New Testament**

Artists for Israel International

This is the Orthodox Yiddish Brit Chadashah in Hebrew script.

It has a 'sister' version called Orthodox Yiddish Brit Chadashah in Latin script, which uses the letters of the English alphabet to guide the reader in the pronunciation of every Yiddish word (in Hebrew script).

The original translator was Aaron Krelenbaum whose work was highly acclaimed when it appeared in 1949. There is also the Orthodox Yiddish Brit Chadasha Interlinear New Testament which unpacks the proper pronunciation and meaning, full interlinear available here.

To donate PayPal.Me

This translation is made available to you under the terms of the Creative Commons Attribution license 4.0.

You may share and redistribute this Bible translation or extracts from it in any format, provided that:

- You include the above copyright and source information.
- If you make any changes to the text, you must indicate that you did so in a way that makes it clear that the original licensor is not necessarily endorsing your changes.

Pictures included with Scriptures and other documents on this site are licensed just for use with those Scriptures and documents. For other uses, please contact the respective copyright owners.

Note that in addition to the rules above, revising and adapting God's Word involves a great responsibility to be true to God's Word. See Revelation 22:18-19.

2025-07-10

---

PDF generated using Haiola and XeLaTeX on 26 Jul 2025 from source files dated 10 Jul 2025

4e740b96-aef5-5788-b402-1ba23bc63b04